

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

שופטים
תשפ"ב לפ"ק
גליון רל"ה

## פראגע

**אויב נישט אלע מענטשן האבן די זעלבע כשרונות און מעגליכקייטן, איז דען מעגליך אז דער באשעפער האט די זעלבע ערווארטונגען פון יעדן איינעם?**

### ענטפער:

**אודאי נישט!** יעדער ווערט גע'משפט לויט זיינע מעגליכקייטן און געלעגנהייטן; ווי גרעסער א מענטש איז אלס מער ווערט ערווארטעט פון אים. אבער נארט אייך נישט, **'עפעס'** איז ערווארטעט פון **'יעדן'**! קיינער איז נישט פטור.

### שואל:

**דאן וויאזוי קענט איר זאגן אז נאר די 'בעסטע' טרעפן חן אין די אויגן פונעם אויבערשטן, אויב נישט יעדער קען זיין די בעסטע?**

### ענטפער:

**יעדער** איינער קען זיין די בעסטע! עס איז נישט דא אזא זאך ווי נישט זיין די בעסטע. דער רמב"ם זאגט אז יעדער מענטש קען זיין אזוי ווי משה רבינו. פארשטייט זיך נישט אין חכמה, נישט אין נבואה, אבער אין צדקות! אין ערליכקייט קען יעדער זיין ווי משה רבינו.

לאמיר זאגן דא איז דא א פרוי, זי איז קיינמאל נישט געגאנגען צו א ישיבה און זי דארף אויסנוצן איר לעבן אין קאך, אויפציען קינדער; זי קען זיין די בעסטע אין דער וועלט! זי דארף פשוט אריינלייגן כוחות **לויט אירע מעגליכקייטן**. מען קען דינען דעם אויבערשטן אין קאך.

וויאזוי? אויב זאל די פרוי אויפהייבן אירע מחשבות בשעת זי קאכט און באקט. זי טראכט אז זי לייגט ארויף די עסן אויפ'ן פייער אלס א קרבן פאר הקב"ה, פונקט ווי דער כהן גדול וואס האט מקריב געווען קרבנות אויף די מזבח, און זי האט אינזין אז מיט דעם טוט זי אויפציען א משפחה פון עובדי ה' – פון קינדער וואס וועלן דינען דעם באשעפער, דעמאלטס איז נישט דא קיין שיעור צו די גרויסקייט צו וואס זי קען צוקומען!

אויב ביזטו א בוטשער און דו שטייסט ביים טישל און דו גיבסט ארויס פלייש פאר קליענטן; אויב טראכסטו נאר אז דו טוסט עס פאר געלט, דאן פארלירסטו טאקע א גרויסע געלעגנהייט. אבער אויב דו טוסט עס ווייל דו גיבסט צו עסן פאר אידישע קינדער, דו עפנסט דיין האנט צו שפייזן אידן, טוסטו דאס וואס דער באשעפער טוט, ער איז **"פותח את ידך ומשביע לכל חי רצון"** – ער עפנט זיין הענט און זעטיגט אן אלע באשעפענישן.

לאמיר זאגן א דענטיסט, אדער א דאקטער, וואלט געהאט אין די מחשבה אז זיין ציל איז צו היילן מענטשן, אלס א שליח פונעם אויבערשטן. איך האב עס אמאל געזאגט צו א דענטיסט: "האב אינזין אז דו ביזט א שליח פונעם אויבערשטן." ער האט מיר אנגעקוקט מיט אן אויסדרוקסלאזער פנים... ער האט נישט געהאט קיין אנונג וואס איך וויל... א שאד! א פארלוירענע געלעגנהייט.

איז וואס טוט ער יעצט? ער ארבעט פאר געלט. אזא שאד. דו ווייסט וויפיל מענטשן דו העלפסט? דו נעמסט זיי ארויס פון זייערע ווייטאגן, דו מאכסט זייער לעבן לאז זיין פרייליך... אבער ער טראכט נישט פון דעם. נו שוין, דעמאלטס פארלירט ער. אלעס ווענד זיך אין די כוונות.

דא איז א גראסערי-מאן, ער גיבט ארויס שפייז פאר מענטשן, **"נותן לחם לכל בשר!"** –דער בעקער גיבט ברויט פאר אלע לעבעדיגע מענטשן, **"כי לעולם חסדו"** – עס איז די גוטסקייט פון השי"ת. זיינע הענט זענען די הענט פונעם אויבערשטן כביכול.

פאר הערות שיקט אן אימעיל צו RebAvigdorAnswers@gmail.com

א מענטש קען לעבן גאר הויעך, אין יעדע מצב.

יעצט לאמיר זאגן א ראש ישיבה זאגט שיעורים אזוי ווי א בעקער פארקויפט ברויט; דא האסטו א פונט שיעורים... און וואס באקומט ער צוריק? א טשעק! איז ער אויך א בוטשער און א בעקער. עס איז א רחמנות אויף אים! א ראש ישיבה קען אויך פארלירן גרויסע געלעגנהייטן. ער דארף אויך טראכטן אז ער לערנט תורה מיט אידישע קינדער, ווייל דער אויבערשטער איז "מלמד תורה לעמו ישראל."

דערפאר קען יעדער שטייגן גרויס, עס איז נישט דא קיין תירוצים. יעדער איינער האט פשוט אן אנדערע וועג צו דערגרייכן גרויסקייט, לויט זיינע מצבים און מעגליכקייטן.

לאמיר זאגן א ראש ישיבה וועט פארקויפן ברויט, און דאס איז די גאנצע וואס ער טוט פאר די מענטשהייט. דער אויבערשטער וועט זיין ברוגז אויף אים. ווען דעם האב איך אויסגעגעבן אזויפיל יארן, איך האב אויסגעגעבן אזויפיל אידיש געלט דיך צו טרענירן צו זיין א ראש ישיבה און יעצט גייסטו אריין אין די בעקעריי ביזנעס? דו קענסט טון בעסער ווי פארקויפן ברויט.

במילא, יעדער איינער איז ערווארטעט צו טון לויט זיינע כשרונות און מעגליכקייטן. אבער יעדער איינער האט א מעגליכקייט צו ווערן גרויס!

## פראגע

## וואס איז פשט אין פסוק "והצנע לכת אם ה' אלקיך" – איר זאלט שפאנען באשיידענערהייט מיט'ן אויבערשטן?

## ענטפער:

**עס** מיינט אזוי: ווען איר גייט אויפ'ן גאס, שפאנט איר מיט'ן אויבערשטן. קיינער קען אים נישט זען, אבער שטילערהייט איז דער באשעפער **אט דא**. איר טראכט וועגן אים אגאנצן צייט. "**הצנע לכת**" מיינט, אז אויסערליך טוט איר טאקע אלעס וואס איר דארפט טון.

איר זענט אלעמאל אויסגעהאלטן מיט אלעס, **שלא יתגנה על הבריות**, און **שהכל מקלסין אותו**, אבער דאך, מענטשן ארום האבן נישט קיין אנונג וואס איר טוט אלס שטילערהייט צו דינען דעם באשעפער.

צום ביישפיל: דא איז א מענטש וואס מאכט חתונה זיין טאכטער. ער שטייט אונטער די חופה און ער טראכט, דער קעיטערער וועט קאסטן אזויפיל טויזנט דאלער, די כלה-קליידער וועט קאסטן אזויפיל טויזנטער דאלער; דער חתן האט א צעטל פון מיר, איך דארף אים געבן כך וכך דאלער א וואך פאר די קומענדיגע צען יאר...! דאס אלעס איז אין זיין קאפ.

אבער ער לייגט צו א מחשבה - איך טו עס פאר אן ארימע מיידל וואס דארף חתונה האבן. יעצט, פערצופאל איז די מיידל זיין טאכטער, אבער ער טראכט אז ער טוט **די מצוה פון הכנסת כלה**. אויף דעם זאגט די גמרא (מד:) - "הצנע לכת אם ה' אלקיך; זו הכנסת כלה."

יעצט דער מענטש **טוט** עס ברבים, ער מאכט חתונה זיין טאכטער און עס זענען דא אסאך געסט! אבער דאך, ער טוט עס נישט ווייל עס איז זיין טאכטער, ניין, ער טוט עס ווייל עס איז א אידישע מיידל וואס דארף איר פאטער'ס הילף. דאס מיינט געדינט דעם באשעפער שטילערהייט אין הארץ. קיינער קען עס נישט זען.

נאך א ביישפיל – דא איז א רייכער מענטש וואס מאכט חתונה אן ארימע יתומה, און יעדער איינער קוקט אויף אים בשעת ער שטייט אונטער די חופה, און זיי לויבן אים אויס וואספארא בעל חסד ער איז, ער האט באצאלט פאר די גאנצע חתונה און ער גייט אויסהאלטן דעם חתן. אבער ער שטייט דארט און ער טראכט, "איך טו עס בלויז פאר דיר רבוש"ע" דאס איז "הצנע לכת אם ה' אלקיך!"

דאס זענען דוגמאות פון "הצנע לכת", פון דינען דעם באשעפער באשיידענערהייט. ווייל עס איז בלויז אין מח, קיינער זעט עס נישט. אבער ווען עס קומט צו באהאלטן דרך ארץ און מדות טובות, דאס זאל א מענטש נישט טון. ער זאל אפן טון זאכן וואס זענען א קידוש ה', און דאס איז אויך א מצות עשה פון "ונתקדשתי" – צו הייליגן דעם באשעפער'ס נאמען.

**די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת** (ענגליש)**, און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו** Signup@TorasAvigdor.org**, אדער גייט צו** torasavigdor.org**. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו** tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com



דער צווייטער באנד!
פונעם העכסט-פאפולערן ספר
וואס איז צעבאפט געווארן און
באלאכטן די אויגן פון טויזנטער אידן
ארויס פון דרוק!
מהדורת שלמה
רבי אביגדור
ענטפערט
2
אייגנארטיגע תשובות אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
רבי אביגדור ענטפערס
אידיש!
פרישע הונדערטער
פראגעס און ענטפערס
אין אלע תחומי החיים, יהדות, השקפה,
עצות, לויט די לויטערע תורה השקפה
דערקוויקט אייער
מח און נשמה!
פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב